בעזרת השם יתברך

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזִיתָ אִישׁ

## פרשת ויצא

כב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# הַקְדָּמָה

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כט): "חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ" וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלִינְק אִין זַיין אַרְבֶּעט, זָאלְסְטוּ וִויסְן - "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" עֶר וֶועט צוּם סוֹף שְׁטֵיין פַאר קֶענִיגְן, זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): "אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים" דָאס מֵיינְט מֶען דִי צַדִּיקִים, "שֶׁהֵם עוֹסְקִין בִּמְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" וָואס זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אַן אַ שִׁיעוּר מָאל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, זֵיי לֶעבְּן מִיט'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף: "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֶען מִיט'ן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "בַּל יִתְיַצֵּב לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים".

וְוִיבַּאלְד מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן וִוי מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מִשְׁתּוֹקֵק עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר וָואס אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, הָאבְּן מִיר בְּסַיְיעְתָּא דִשְׁמַיָּא גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס אֲפִילוּ פְּשׁוּט'עַ מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר אֵיידֶער מֶען אִיז פֶערְצִיג יָאר אַלְט - קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערְן, אָבֶּער מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן; מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר, מְשׁוּגָע וֶוערְט מֶען אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר: "חָזִיתָ אִישׁ". מִיר גֶעפוּנֶען כִּמְעַט פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' - קוּם אוּן זֶע; עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים, אִין גְמָרָא אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן 'תָּא שְׁמַע' קוּם אוּן הֶער, אָבֶּער אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז דֶער לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' קוּם אוּן זֶע, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר זוֹהַר עֶפְנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן זַאךְ. "חָזִית" אִיז מִלָּשׁוֹן "תָּא חֲזֵי", אוּן אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ אִיז מְרוּמָז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר,

מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ רוּחָנִיוּת אֱלָקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִי״שׁ דִי נָאמֶען פוּן מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב, רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אִין מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַלְס קִינְד בְּחַבְרוּתָא פַאר לַאנְגֶע יָארְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן גַאנְצֶע וָואכְן אִין מְעָרַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִין מִירוֹן מִיט אִים, אוּן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל טַעַם, אַ שְׁטִיקְל גֶעפִיל - צוּ דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִי״שׁ מַיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ׳ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פְּשַׁט אִינֶעם שַׁעַר הַזוֹהַר: ״זֶה סֵפֶר הַזוֹהַר אֲשֶׁר חִבֵּר הַתַּנָא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״זֶה סֵפֶר״, דֶער דִיאַמַאנְט, ״הַזוֹהַר״, וָואס שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן, ״אֲשֶׁר חִבֵּר״, עֶס בַּאהֶעפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, ״תַּנָא״, עֶס לֶערְנְט אוּנְז אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער ״רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ״,

בָּרוּךְ יְ׳ לְ׳עוֹלָם אָ׳מֵן וְ׳אָמֵן.

# א תפילה
## פארן לערנען זהר

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת; אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן. אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - זָאל מִיר לִיכְטִיג וֶוערְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר.

זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, דַּף קנא ע"ב

**(בראשית כט) וַיַּרְא וְהִנֵּה בְאֵר בַּשָּׂדֶה וְגו'. רַבִּי יְהוּדָה פָּתַח וְאָמַר, (תהלים ג) מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ.**

**הַאי קְרָא אִתְּעָרוּ בֵּיהּ חַבְרַיָּא. אֲבָל מִזְמוֹר לְדָוִד, אַמַּאי קָאֲמַר שִׁירָה, אִי בְּגִין דִּבְרֵיהּ אִיהוּ דְּקָם עֲלֵיהּ, קִינָה יַתִּיר מִבָּעֵי לֵיהּ, דְּהָא אַבְאִישׁ עֲלוֹי דְּבַר נַשׁ זְעֵיר מִקְּרִיבוֹי, מִדְּאָחֳרָא סַגִּי.**

חָזִית אִישׁ

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן עֵשָׂו (בְּרֵאשִׁית כט, ב): 'וַיַּרְא' אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען, 'וְהִנֵּה' אוּן אָט, 'בְאֵר בַּשָּׂדֶה' אַ בְּרוּנֶעם אִיז אִין פֶעלְד, וְגו'.

## יְסוּרִים בְּרֶענְגְט צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא

רַבִּי יְהוּדָה פָּתַח וְאָמַר, רַבִּי יְהוּדָה הָאט גֶעעֶפְנְט אוּן גֶעזָאגְט, מִיר גֶעפִינֶען אַלְץ אִין זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'פָּתַח וְאָמַר', ווייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה - הָאבְּן זֵיי גֶעעֶפְנְט דִי הִימְלֶען, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ג, א): 'מִזְמוֹר לְדָוִד' אַ גֶעזַאנְג צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ, 'בְּבָרְחוֹ' וֶוען עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן, 'מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ' פוּן זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם וָואס הָאט מוֹרֵד גֶעוֶוען אִין אִים.

**הַאי קְרָא** אוֹיף דֶעם פָּסוּק, **אִתְּעָרוּ בֵּיהּ חַבְרַיָּא** הָאבְּן שׁוֹין דִי חֲבֵרִים - דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים - אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט; דִי גְמָרָא פְרֶעגְט (בְּרָכוֹת ז:), דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי צָרָה וָואס דֶער נָבִיא הָאט אִים פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז עֶס גֵייט קוּמֶען בַּיי אִים אִין שְׁטוּב, אַז דָאס אִיז זַיין זוּן. **אֲבָל** אָבֶּער נָאכְאַלְץ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק '**מִזְמוֹר לְדָוִד**' אַ גֶעזַאנְג צוּ דָוִד, **אַמַּאי קָאֲמַר שִׁירָה**, פַארְוָואס הָאט דָוִד גֶעזִינְגֶען אַ גֶעזַאנְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? **אִי בְּגִין דִּבְרֵיהּ אִיהוּ דְּקָם עֲלֵיהּ** אוֹיבּ וֶועסְטוּ וֶועלְן עֶנְטְפֶערְן וָואס דִי גְמָרָא עֶנְטְפֶערְט, אַז ווִיבַּאלְד דֶער וָואס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען קֶעגְן אִים אִיז זַיין אֵייגֶענֶע זוּן אוּן נִישְׁט קֵיין פְרֶעמְדֶער, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָארְט - **קִינָה יַתִּיר מִבָּעֵי לֵיהּ** וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט אַסַאךְ מֶער קְלָאגְן, **דְּהָא אַבְאִישׁ עֲלוֹי דְּבַר נַשׁ** ווייל עֶס טוּט מֶער וֵויי פַארְן מֶענְטְשׁ **זְעֵיר מִקְּרִיבוֹי** אַ קְלֵיינֶע צַעַר פוּן זַיין'ס אַ נָאנְטֶער - **מִדְּאָחֳרָא סַגִּי** ווִי אַ גְרוֹיסֶע וֵוייטָאג פוּן אַ פְרֶעמְדֶער; דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוֹיף וָואס הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

# אֶלָּא, מִזְמוֹר לְדָוִד, אָמַר שִׁירָה, וְהָכִי בָּעֵי דָוִד, דְּחָשִׁיב דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא סָלִיק לֵיהּ חוֹבוֹי לְהַהוּא עָלְמָא. כֵּיוָן דְּחָמָא, דְּהָכָא בְּהַאי עַלְמָא בָּעֵי לְמִגְבֵּיהּ מִנֵּיהּ, חָדֵי.

## חָזִית אִישׁ

**אֶלָּא** 'מִזְמוֹר לְדָוִד', נָאר דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַ גֶעזַאנְג צוּ דָוִד - **אָמַר שִׁירָה** מֵיינְט מֶען אַז דָוִד הָאט גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְהָכִי בָּעֵי דָוִד** אוּן דָאס הָאט דָוִד גֶעוָואלְט, **דְּחָשִׁיב דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא סָלִיק לֵיהּ חוֹבוֹי לְהַהוּא עַלְמָא** וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוֶועק לֵייגְן דִי פְּגָם פוּן דִי עֲבֵירָה וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן אִים שְׁטְרָאפְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, **כֵּיוָן דְּחָמָא** אָבֶּער וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען, **דְּהָכָא בְּהַאי עַלְמָא בָּעֵי לְמִגְבֵּיהּ מִנֵּיהּ** אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע צָרָה, אַז זַיין אֵייגֶענֶע זוּן אַבְשָׁלוֹם הָאט גֶעמַאכְט אַן אוֹיפְשְׁטַאנְד קֶעגְן אִים, **חָדֵי** הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵייט, וַוייל אַזוֹי וֶועט עֶר אָפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא.

מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת יד), חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ט): "טוֹב מְאֹד זוּ מִדַּת יִסּוּרִין", דִי יִסּוּרִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר אִים, שֶׁעַל יָדֶיהָ הַבְּרִיּוֹת בָּאִים לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא", וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר בַּאקוּמְט דִי יִסּוּרִים וָואס וֶועט אוֹיסְלַייטֶערְן אַייעֶר גוּף פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִיר.

גֶעדֶענְקְט גוּט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ, מְדַכְּאוֹ בְּיִסּוּרִין. וְאִם קִבְּלוֹ בְּאַהֲבָה, יִרְאֶה זֶרַע יַאֲרִיךְ יָמִים" - וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, שִׁיקְט עֶר אִים יִסּוּרִים, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז עֶס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, וֶועט עֶר הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער אוּן אַ לַאנְג לֶעבְּן.

מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וויפִיל יִסּוּרִים אוּן עָגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קֵיין גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִּילֶע צַעַר אוּן עָגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה' אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵויים אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע

# תו, דְחָמָא דְעִלָּאֵי מִנֵּיהּ הֲווֹ בְּעַלְמָא, דְקָא בָרְחוּ, וְכֻלְּהוּ בִּלְחוֹדַיְיהוּ. יַעֲקֹב עָרַק, דִכְתִיב (הושע יב) וַיִּבְרַח יַעֲקֹב שְׂדֵה אֲרָם, וְעָרַק בִּלְחוֹדוֹי. מֹשֶׁה עָרַק, דִכְתִיב (שמות ב) וַיִּבְרַח

## חָזִית אִישׁ

הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, און איך בין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת און יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קֵיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא) "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַּארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן) "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילּוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָווֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסוּרִין נִמְחָל לוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

### זוּךְ אוֹיף דָאס גוּטְס אִין דִי צָרָה

**תו** נָאךְ אַ פְּשַׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דָאס וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער דִי צָרָה; **דְחָמָא דְעִלָּאֵי מִנֵּיהּ הֲווֹ בְּעַלְמָא** דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען אַז גְרֶעסֶערֶע פוּן אִים און חָשׁוּב'עֶרֶע פוּן אִים זֶענֶען אַרִיבֶּער דָאס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, **דְקָא בָרְחוּ** זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְט טוּן, **וְכֻלְּהוּ בִּלְחוֹדַיְיהוּ** און זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן אַלֵיין, קֵיינֶער אִיז מִיט זֵיי נִישְׁט מִיט גֶעגַאנְגֶען; **יַעֲקֹב עָרַק** יַעֲקֹב הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן, **דִכְתִיב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ יב, יג): '**וַיִּבְרַח יַעֲקֹב שְׂדֵה אֲרָם**' יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אַנְטְלָאפְן קֵיין אֲרָם, **וְעָרַק בִּלְחוֹדוֹי** און עֶר אִיז גֶעלָאפְן אֵיינֶער אַלֵיין. **מֹשֶׁה עָרַק** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן, **דִכְתִיב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת ב, טו): '**וַיִּבְרַח**

**מֹשֶׁה מִפְּנֵי פַּרְעֹה, וְעָרַק בִּלְחוֹדוֹי. וְדָוִד בָּרַח, כָּל אִינּוּן שׁוּלְטָנֵי אַרְעָא, וְכָל אִינּוּן גִּבָּרֵי אַרְעָא, וְרֵישֵׁיהוֹן דְּיִשְׂרָאֵל, כֻּלְּהוּ עָרְקִין עִמֵּיהּ וְסָחֲרִין לֵיהּ, מִימִינֵיהּ וּמִשְּׂמָאלֵיהּ, לְנַטְרָא לֵיהּ מִכָּל סִטְרִין, כֵּיוָן דְּחָמָא שִׁבְחָא דָא, אָמַר שִׁירָתָא.**

## חָזִית אִישׁ

מֹשֶׁה מִפְּנֵי פַּרְעֹה' מֹשֶׁה אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן פַּרְעֹה, וְעָרַק בִּלְחוֹדוֹי אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן אֵיינֶער אַלֵיין. וְדָוִד בָּרַח אוּן וֶוען דָוִד אִיז אַנְטְלָאפְן, כָּל אִינּוּן שׁוּלְטָנֵי אַרְעָא זֶענֶען אַלֶע פִירֶערְס פוּן דִי לַאנְד, וְכָל אִינּוּן גִּבָּרֵי אַרְעָא אוּן אַלֶע שְׁטַארְקֶע גִבּוֹרִים פוּן לַאנְד, וְרֵישֵׁיהוֹן דְּיִשְׂרָאֵל אוּן אַלֶע פִירֶערְס בַּיי דִי אִידְן - כֻּלְּהוּ עָרְקִין עִמֵּיהּ אַלֶע זֶענֶען מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אַנְטְלָאפְן, וְסָחֲרִין לֵיהּ אוּן מֶען הָאט אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען - מִימִינֵיהּ וּמִשְּׂמָאלֵיהּ פוּן רֶעכְטְס אוּן פוּן לִינְקְס, לְנַטְרָא לֵיהּ מִכָּל סִטְרִין אִים צוּ הִיטְן פוּן אַלֶע זַייטְן; כֵּיוָן דְּחָמָא שִׁבְחָא דָא, וֶוען דָוִד הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אִים גוּט אִין דִי צָרָה, אָמַר שִׁירָתָא הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'מִזְמוֹר לְדָוִד'.

דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצה) **אוֹיפְן פָּסוּק** (תְּהִלִּים ד, ב): **'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי', הַיְנוּ שֶׁגַּם אֲפִלּוּ בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ אִין דִי צָרָה אַלֵיינְס, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְחִיב לָנוּ** מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּטְס, **כִּי אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵי הֶ'** אוּן אַז מֶען וֶועט אוֹיפְזוּכְן

## אִישׁ אֱמוּנוֹת

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין טַייעֶרֶער חָבֵר, דִי לֶעבְּן אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט נִסְיוֹנוֹת, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן צָרוֹת, וַוארְט נִישְׁט אַז אֵיינֶער זָאל דִיךְ קוּמֶען מְחַזֵּק זַיין אָדֶער זִיךְ מְרַחֵם זַיין אוֹיף דִיר וְכוּ' וְכוּ', וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר - וֶועט דִיר זַיין נָאךְ מֶער בִּיטֶער, דוּ דַארְפְסְט זוּכְן אִין דַיין צָרָה עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן, זוּךְ אוֹיף הַרְחָבָה אִין אַלֶע דַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶנִישְׁן, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע; וֶועסְטוּ אַלֵיין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר וֶועט דִיר וֶוערְן לִיכְטִיג, אוּן אַז נִישְׁט - וִויל אִיךְ נִישְׁט זָאגְן אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן.

דֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶּה אַ סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, דִי סוֹד פוּן "בַּצָּר, הִרְחַבְתָּ לִּי". דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קְצֵה): "אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵי הֶ'", אוֹיבּ מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער

דָאס גוּטְס, יִרְאֶה וֶועט מֶען זֶען, שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מֵצֵר לוֹ אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען מַאכְט אִים עֶנְג, גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ און אוֹיךְ אִין דִי עֶנְגְשַׁאפְט - הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מַרְחִיב לוֹ מַאכְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּט, וּמַגְדִיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ און טוּט מִיט אִים גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, וְזֶה און דָאס אִיז וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי' אִין דִי עֶנְגְשַׁאפְט הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט, הַיְינוּ דָאס הֵייסְט, אֲפִלּוּ בְּתוֹךְ הַצָּרָה בְּעַצְמָהּ אֲפִילוּ אִין דִי עֶנְגְשַׁאפְט, אִין מַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער, נָתַתָּ לִי הַרְחָבָה בְּתוֹכָהּ הָאסְטוּ מִיר גֶעגֶעבְּן מִיט חֲסָדִים, מִלְּבַד דָאס אִיז אוֹיסֶער, מַה שֶּׁאָנוּ מְצַפִּים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹשִׁיעֵנוּ וָואס מִיר שְׁטֵייעֶן און הָאפְן און בֶּעטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן, בְּקָרוֹב מִכָּל הַצָּרוֹת און אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי צָרוֹת, וְיֵיטִיב עִמָּנוּ מְאֹד און אוּנְז גוּט מַאכְן, אַךְ אֲפִלּוּ גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ מַרְחִיב לָנוּ אָבֶער אוֹיךְ אִין דִי צָרָה אַלֵיין מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גוּט.

**אִין דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר זֶעעֶן מִיר אַ גְרוֹיסְן סוֹד, מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעם וָואס פַּאסִירְט, אֲפִילוּ אוֹיף שְׁלֶעכְטְס, וַוייל אַזוֹי קוּמְט מֶען אָפּ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס מֶען דַארְף אָפְּקוּמֶען.**

**נָאךְ אַ סוֹד זֶעעֶן מִיר, מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט, און אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת זָאל מֶען גוּט קוּקְן אִין דִי צָרָה און טְרֶעפְן דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים דַאנְקֶען אוֹיף דֶעם.**

## אִישׁ אֱמוּנוֹת

אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט; "יִרְאֶה, שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מֵצֵר לוֹ", אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, "גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מַרְחִיב לוֹ וּמַגְדִּיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ", זָאל עֶר גוּט קוּקְן, וֶועט עֶר זֶען אַז אִין דִי צָרָה מַאכְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּט.

רֶעד נִישְׁט אוֹיף דֶער וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, פַּאר דַיין שִׁידוּךְ, פַּאר דַיין לֶעבְּן, פַּאר דַיין אִידִישְׁקַייט, פַּאר דַיין אַלֶעס, זַיי נִישְׁט קֵיין כְּפוּי טוֹבָה; און אַז אֵיינֶער קוּמְט צוּ דִיר מִיט לָשׁוֹן הָרָע - זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אֵיינֶער וָואס הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן בְּעֵת צָרָה.